**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארברייטערטע "ען-וויי-סאָן" פראגראם צו גרייכן וויניגסטנס 10 גיגאוואט סאָלאַר ענערגיע ביז 2030

***פארברייטערט אויף די סטעיט׳ס ערפאלגרייכע זעקס גיגאוואט ביז 2025 פארטייליטע סאָלאַר "ען-וויי-סאָן" פראגראם וועלכס האט שוין דערגרייכט יעדער קאונטי אין דעם סטעיט און אויפ׳ן וועג צו דערגרייכן איר ציל פריער ווי ערווארטעט, שטיצנדיג דערביי איבער 12,000 סאָלאַר דזשאבס ביז היינט***

***פארברייטערטע "ען-וויי-סאָן" וועט העלפן שאפן נאך 6,000 סאָלאַר דזשאבס און ליפערן וויניגסטנס 35 פראצענט פון בענעפיטן צו אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס און ניו יארקערס מיט קליינע צו מיטלמעסיגע איינקונפט***

***העכערן סאָלאַר קאפאציטעט פארשנעלערט פארשריט צו איבערשטייגן ניו יארק׳ס ציל איינצושאפן 70 פראצענט פון דער סטעיט׳ס עלעקטריציטעט פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 אויפ׳ן וועג צו א זערא-עמיסיע גריד***

היינט, דעם ערשטן טאג פון קלימאט וואך 2021, האט גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט א רוף פאר דער פארברייטערונג פון דער העכסט ערפאלגרייכע "ען-וויי-סאָן" פראגראם צו דערגרייכן א פארברייטערטע ציל פון וויניגסטנס 10 גיגאוואט פון פארטייליטע סאָלאַר אינסטאלירט ביז 2030. פארברייטערן דעם פראגראם איז ערווארטעט צו העלפן אונטערהייבן דעם סטעיט׳ס עקאנאמישע ערהוילונג נאכפאלגנדיג קאוויד-19 מיט דאס שאפן פון 6,000 נאך סאָלאַר דזשאבס איבער די 12,000 וועלכע עקזיסטירן איצט לענגאויס דעם סטעיט, א טייל פון וועלכע וועלן זיין אנגייענדע אפעראציע און מעינטענענס דזשאבס וועלכע וועלן פארבלייבן דורכאויס די 25+ יאר פראיעקט לעבנסשפאן. דער פראגראם פארברייטערונג וועט אויך ליפערן וויניגסטנס 35 פראצענט פון די אינוועסטירונגען צו אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס און ניו יארקערס מיט וויניגע צו מיטלמעסיגע פארדינסטן. העכערן סאָלאַר קאפאציטעט לענגאויס דעם סטעיט וועט שטארק פארשנעלערן פארשריטן צו איבערשטייגן ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט ציל פאר 70 פראצענט פון דער סטעיט׳ס עלעקטריציטעט צו קומען פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 אויפ׳ן וועג צו א זערא-עמיסיע גריד.

"ניו יארק סטעיט מוז זיין מער אגרעסיוו אין שטעלן א העכערע מוסטער אין דאס אנערקענען דיווירקליכקייט פון קלימאט ענדערונג און דער ענגער צייט אפשניט אין וועלכן עס קען עטוואס געטוהן ווערן אפצושטעלן די ערגסטע תוצאות אין דעם לאנד און איבער דער וועלט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט דער פארברייטערונג צייגן מיט ניו יארק סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו העכערן די מאס באנייבארע ענערגיע וואס פליסט אריין אין דעם עלעקטרישן גריד און וועלכס וועט אויך שאפן מער דזשאבס אין דער סאָלאַר אינדוסטריע אין שטיצן אונזער שטייגנדער ריינע ענערגיע עקאנאמיע. קלימאט

ענדערונג איז א פובליק געזונטהייט פראבלעם -- מיר דארפן קעמפן מיט אלעס וואס מיר האבן אויף צו פארזיכערן אז צוקונפטיגע דורות וועלן קענען בליען אין א געזונטן און לעבנס-אויסהאלטנדע פלאנעט."

היינט האט גאווערנער האקול גערופן אויף דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס צו אנטוויקלען א פארטיילטער סאָלאַר װעגווייזיגע פלאן ארויסגעגעבן צו ווערן דעם הערבסט אויף אויסצומאלן א "ראָודמעפ" צו אוואנסירן א פארברייטערטע "ען-ווי-סאָן" ציל פון ווייניגסטנס 10 גיגאוואטס ביז 2030 אין באפעסטיגטער און קאסט-שפארעוודיגן און אחריות׳דיגן אופן. די פראיעקטס צו רעזולטירן פון די פארברייטערטע ציל ווערן ערווארטעט צו באקרעפטיגן באלד 1.7 מיליאן וואוינונגען און וועלן ווערן אויספירליך איינגעפירט -- אריינגערעכנט סערווירן אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס.

דער "ראָודמעפ" וועט פארזיכערן אז די פראיעקטן ווערן אנטוויקלט און פלאצירט אויף אן אופן וואס נעמט פולקאם אין באטראכט דאס לאנד באניץ און ווערט פאראויס געצויגן אין נאענטע צוזאמענארבעט מיט ארטיגע פאראינטערעסירטע פארטייען און אגריקולטורעלען קאמיוניטיס. איינמאל דער "ראָודמעפ" ווערט גע׳פייל׳ט מיט דעם פובליק סערוויס קאמישען וועט עס ווערן ארויסגעגעבן פאר פובליק קאמענטארן און א נאכפאלגנדע באשלוס אנהייב 2022.

**דאריען מ. האריס, פרעזידענט און סי-אי-או און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פאריצערין פון NYSERDA האט געזאגט,** "גאווערנער האקול׳ס פאראורדנונג צו פארברייטערן דעם "ען-ווי-סאָן" ציל שיקט א קלארן סיגנאל אז ניו יארק סטעיט איז אנטשלאסן ווייטער צו וואקסן איר שטרעביגע סאָלאַר אינדוסטריע, אין אנערקענונג פון דער קריטיש-וויכטיגער ראלע וואס סאָלאַר ענערגיע שפילט אין טרעפן צו דעם סטעיט׳ס קלימאט און ריינע ענערגיע צילן. מיר ערווארטען אז 2021 וועט זיין ניו יארק׳ס גרעסטע יאר ביז אהער פאר פארטיילטע סאָלאַר אינסטלאציעס און שטייט גרייט צו אנטוויקלען און איינפירן דעם "ראָודמעפ" וועלכס וועט אויסמאלן דעם צוגאנג פאר די קומענדע יארן צו פארזיכערן א פארברייטערטע, באפעסטיגטע, און דורכגעטראכטע צוגאנג וועלכס וועט אריינגעמען אלע ניו יארקערס."

**דעפארטמענט און ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען קאמישענער און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פאריצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "דער היינטיגער דרייסטער אנאנסמענט אין קלימאט וואך 2021 בויעט אויף ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אקציעס און איז נאך א קריטיש-וויכטיגע טריט צו דערגרייכן אונזערע צילן צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז. אינאיינעם מיט דער סטעיט׳ס ריזיגע אינוועסטירונג צו פארשטערקערן די פעאיגקייטן פון אונזערע קאמיוניטיס בייצושטיין שווערע שטורעמעס און צוקונפטיגע פלייצונג אינצידענטן, און אונזער ארבעט אויף צו אוואנסירן אויסהאלטבארע לייזונגען צו אדרעסירן לופט פארפעסטיגונג, זעצט פאר ווייטער ניו יארק צו סערווירן אלס מוסטער פאר אנדערע סטעיטס און מיר פארברייטערן אונזערע באמיאונגען צו טרעפן צו די קלימאט פארמעסט מיט גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט."

**סענאטאר קעווין פארקער, ענערגיע פארזיצער, האט געזאגט,** "דער ׳ען-ווי-סאָן׳ פראגראם האט זיך איבערצייגט אלס אן עפעקטיווער רעסורס פאר אונזער גרויסער סטעיט. איך שטאלציר מיך אז גאווערנער האקול און NYSERDA רופן פאר דאס פארברייטערן פון דעם פראגראם. ׳ען-ווי-סאָן׳ האט זיך באוויזן אלס עפעקטיוו און דער פארברייטערונג וועט אונז העלפן צו שטיצן די צילן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט ווי אויך העכערן דזשאב געלעגנהייטן. איך אפלאדיר ׳ען-ווי-סאָן׳ פאר זייער שווערע ארבעט און איך קוק ארויס צו די גרויסע שריטן זיי וועלן נעמען נאך דער פארברייטערונג."

**סענאטאר טאַד קאַמינסקי, ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פארזיצער, האט געזאגט,** "דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט זעהט פאר א צוקונפט אין וועלכן מיר פארלאזן זיך נישט מער אויף פאסיל-ברענשטאף. דער פאר פון אונזער סטעיט׳ס פאטענציעל אויסצוניצן סאָלאַר ענערגיע וועט שאפן גרינע דזשאבס און ראטעווען אונזער ענווייראנמענט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר׳ן אנערקענען די ווערט פון דער אינוועסטירונג אין אונזער צוקונפט."

**אסעמבלי-מיטגליד, ענערגיע פארזיצער מייקל קוסיק האט געזאגט,** "סאָלאַר ענערגיע קראפט איז א העכסט-נויטיגע שטאנדטייל און הויפט שליסל אויף צו דערגרייכן אונזערע ריינע ענערגיע צילן. עס פריידט מיט צו זעהן אז גאווערנער האקול פריאריטיזירט דאס פארברייטערן פון דעם ערפאלגרייכן ׳ען-וויי-סאָן׳ פראגראם אויף ווייטער צו פארברייטערן אונזער סטעיט׳ס סאָלאַר קאפאציטעט. נישט נאר איז דער פארברייטערונג פון אונזער סאָלאַר קאפאציטעט העכסט-נייטיג פאר אונזער ענערגיע גריד, נאר עס איז אויך אן עקאנאמישע טרייבער וועלכס וועט שאפן טויזנטער גוט באצאלטע דזשאבס לענגאויס דעם סטעיט."

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט, פארזיצער פון ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען, האט געזאגט,** "דער ׳ניו יארק סאָן׳ פראגראם העלפט מאכן ריינע נישט-פארפעסטיגנדע סאָלאַר ענערגיע קראפט צוגענגליך פאר ניו יארקערס. ענערגיע פראדוצירט פון סאָלאַר קוועלער איז א הויפט שטאנדטייל וואס איז נויטיג אויף זיך אוועקצוציען פון גרינהויז גאז פראדוצירנדע פאסיל-ברענשטאף. מיר מוזן אדרעסירן קלימאט ענדערונג תיכף -- האריקעינס, פלייצונגען, ווילדפייערס, זענען אלע מער שכיח און ווערן גאר ערגער דורך דער הייצונג פון דעם פלאנעט. עקסטרעמע וועטער נעמט לעבנס און קאסט אפ ביליאנען. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר נעמען קריטיש-וויכטיג שריטן צו אדרעסירן קלימאט ענדערונג און אין דער זעלבער צייט רעדוצירן די קאסטן פון ענערגיע קראפט און שאפן נייע דזשאבס."

"מיט דעם אנאנסמענט האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט א קלארער און שטארקער גלייכבארעכטיגטער וויזיאן פאר ניו יארק׳ס פארטיילט סאָלאַר סעקטאר, און צעמענטירט איר ראלע אין פארווירקליכן אונזער סטעיט׳ס עלעקטרישע סעקטאר און עקאנאמיע-ברייטער דע-קארבאניזאציע צילן אלס באפעלט דורך דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט פון 2019," **האט געזאגט NYSEIA עקזעקיוטיוו דירעקטאר שייעם מעהטא.** "מערקווירדיג, טוהט דער אנאנסמענט אויך באטאנען די וויכטיגקייט פון פארזיכערן אז די בענעפיטן פון אן אנגייענדער ארויסבוי און אויפ׳סקעיל׳ן פון רופ-טאַפ און קאמיוניטי סאָלאַר אין ניו יארק פליסט צו די מענטשן און קאמיוניטיס וועלכע דארפן עס דאס מערסטע, נעמליך קאמיוניטיס מיט קליינע צו מיטלמעסיגע פארדינסטן, און די וועלכע זענען אפעקטירט דורך ענווייראנמענטאלע יוסטיץ פראבלעמען. NYSEIA לויבט גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פאר זייער פירערשאפט אין אויפשטעלן ניו יארק אלס א נאציאנאלע פירער פאר פארטיילטע סאָלאַר אין די צוקונפטיגע יארן, וועלכס וועט שאפן טויזנטער גוט באצאלטע דזשאבס און פלאצירן סאָלאַר ענערגיע אלס א העכסט-נויטיגער זייל אין ניו יארק׳ס עקאנאמיע."

"גאווערנער האקול׳ס 10 גיגאוואט ציל פאר פארטיילטע סאָלאַר וועט אונז העלפן פארברייטערן רופ-טאַפּ און קאמיוניטי סאָלאַר צו נאך מער פאמיליעס אין ניו יארק, אלץ אין דער זעלבע צייט וואס עס וועט אויסרייניגן אונזער לופט, שאפן הויך-קוואליטעט דזשאבס און פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס," **האט געזאגט עביגעיל ראָס הופער, פרעזידענט און סי-אי-או פון דער סאָלאַר ענערגיע אינדוסטריעס אסאסיעשען.** ניו יארק דערשפירט שוין די תוצאות פון קלימאט ענדערונג און ארטיגע, אויפ׳ן-פלאציגע סאָלאַר און סטארעדזש פראיעקטן קענען אונז העלפן אונטערהייבן אונזער באפעסטיגטקייט. דער סאָלאַר אינדוסטריע שטייט גרייט צו העלפן ניו יארק טרעפן צו דער אמביציעזער ציל."

"מיר אפלאדירן גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט אין פלאצירן ניו יארק אלס א טאָפּ-טיער סטעיט פאר סאָלאַר וואוקס און בויען אויף איר סטאטוס אלס א פירנדע קאמיוניטי סאָלאַר מארקעט." **האט געזאגט קעיטלין קעלי או׳נעיל, נארט-איסט רידזשינעל דירעקטאר פאר דער קאאליציע פאר קאמיוניטי סאָלאַר צוטריט.** די אמביציעזע נייע סאָלאַר ענערגיע צילן וועלן בענעפיטן ניו יארקער איינוואוינער דורך זיי ליפערן ענעערגיע קאסט שפּאָרונגען, שאפן נייע דזשאבס, און פארברייטערן עקוויטי אין דער ריינע ענערגיע עקאנאמיע. מיר קוקן ארויס אויף צו ארבעטן מיט דער האקול אדמיניסטראציע צו וואקסן קאמיוניטי סאָלאַר און ביישטייערן צו דעם ציל פון סאָלאַר צוטריט פאר אלע ניו יארקערס."

דער באגייסטערנדע נייע פארשפרעכונג צו ארטיגע סאָלאַר אין ניו יארק, קאמבינירט מיט ניו יארק׳ס פלאנירטע פארשאפן פון גריד-גרויסקייט באנייבארקייטן, צייגט אז דער עמפייער סטעיט מיינט עס ערנסט וועגן קלימאט אקציע און צו דערגרייכן 70% רעניוּעבל ענערגיע ביז 2030," **האט געזאגט ען רעינאלדס, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער עלייענס פאר זויבערע ענערגיע ניו יארק.** "דער ריינע ענערגיע אינדוסטריע אפלאדירט דעם אנטשלאסנקייט און קוקט ארויס אויף פארצוזעצן אינוועסטירונג און וואוקס אין ניו יארק.

צו דער איצטיגער צייט, טוהען די אינסטאלירטער סאָלאַר פראיעקטן, קאמבינירט מיט די פראיעקטן וועלכע זענען אונטער דעוועלאפמענט, ברענגען דעם סטעיט צו 95 פראצענט פון די איצטיגע קלימאט אקט ציל אויף צו אינסטאלירן זעקס גיגאוואטס פון סאָלאַר ביז 2025. אין 2020 איז ניו יארק געשטאנען אויפ׳ן העכסטן ראנג אין דעם לאנד אין קאמיוניטי סאלאר אינסטאלאציעס און צווייט אין אינסטאלאציעס אין סך הכל. עס זענען איצט פארהאן איבער 114,000 "ען-וויי-סאָן" געשטיצטע פראיעקטן און באלד 6,000 אין דעם "ען-וויי-סאָן" פּייפּליין, וועלכע זענען באגלייט דורך 73 ניו יארק סטעיט געשטיצטע יוטיליטי-פארנעמיגע סאָלאַר פראיעקטן אונטער אנטוויקלונג לענגאויס דעם סטעיט -- אינאיינעם וועלן די פראיעקטן ליפערן גענוג עלעקטריציטעט צו באקרעפטיגן מער ווי 2.2 מיליאן היימען נאכ׳ן פארענדיגן.

זינט 2011, האט "ען-וויי-סאן", ניו יארק סטעיט׳ס 1.8 ביליאן דאלער איניציאטיוו צו אוואנסירן דאס פארברייטערן פון סאלאר און ציען דעם סטעיט נענטער צו האבן אן זעלבסט-אויסהאלטעוודיגע סאלאר אינדוסטריע:

- אינסטאלירט סאלאר אויף יעדן דאך אדער פראפערטי פון 145,000 וואוינונגען ארייננעמענדיג יעדע קאונטי אין ניו יארק;
- צוגעשטעלט איבער 1 ביליאן דאלער אינצענטיוון, אויסניצנדיג 5.3 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג;
- געטריבן איבער 2,100 פראצענט העכערונג אין סאלאר אין דעם סטעיט;
- געליפערט גענוג ריינע ענערגיע קראפט פאר 522,000 ניו יארקער וואוינונגען;
- אנגעברענגט 12,000 דזשאבס אין דער סאלאר אינדוסטריע;
- געהאלפן אראפ טרייבן די קאסטן פון סאלאר 69 פראצענט אין 10 יאר; און
- פארפליכטעט 30 מיליאן דאלער פאר פראיעקטן וועלכע בענעפיטן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ און אומגינציגע קאמיוניטיס.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס ארייגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט

דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיעביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 21 ביליאן דאלער אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.2 ביליאן דאלער אין NY גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו אומפארגינסטיגטע קאמיוניטיס, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-עפעקטיווער ציל אויף צו רעדוצירן אנ-סייט ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן